תמונות ארץ־ישראל

ארץ־ישראל איז בילד

פערלאג „אלטנײלאנד", ווארשא, 1920

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

870

ארץ-ישראל אין בילד

מיט אויספיהרליכע ערקלערונגען

(צום סוף פונ׳ם אלבאם)

פערלאג „אלטניילאנד״, ווארשא, 1920

נאכדרוק פערוועהרט

Copyright by
I. TRYWAKS
Warsaw.— 1920.

1. יפו פון פארט

2. דער מאגיסטראט אין יפו

3. „החלוץ" אין יפו'ער פארט.



4. א האנדעלס־גאס אין יפו.

5. גימנאזיע הרצליה אין תל־אביב (יפו).

6. אויפ'ן וועג פון יפו קיין ירושלים.

7. די פלאנצונג פון יער הרצל
אויפ'ן וועג פון יפו קיין ירושלים

8. ירושלים.

9. דער הר־ציון.

10. דאס מאדערנע ירושלים.
(בײם יפו'ער טויער).

11. א גאס אין ירושלים'ער אלטשטאדט

12. די ווארשאווער הייזער אין ירושלים



יד אבשלום

13.



14. דער מקום־המקדש.

15. דער כותל־המערבי אין מלחמה־צייט.

16. דער ירדן בײ יריחו.



17. די נײַע בריק איבער'ן ירדן.

18. דער ים=המלח.



19. טבריה מיט׳ן ים=כנרת.

20. חיפה פון דער זייט פון כרמל.

21. דער טעכניקום אין חיפה.



22 זכרון יעקב ביי חיפה.

23. די וויין־קעלטערס אין זכרון יעקב.

24. דער שניט אין מרחביה.

25. א בליק אויף ראשון לציון.

26. וויינטרויבען־שניט אין רחובות.

27. די „אלימפישע שפילען“ אין רהיבות.



28. צווישען די צעדערן פון לבנון.

פון אראבישען לעבען.

29. א פאמיליען־רייזע אויף א קעמעל.

30. אראבישע פרויען ביים וואסער־שעפען.

31. דער מארק אין בית־לחם

32. די מערת־המכפלה אין חברון.

33. דמשק, הויפטשטאדט פון סוריה.

34. נייער וואקזאל אין דמשק.

ערקלערונגען צו די בילדער

מיט גיבען דעם דאָזיגען אַלבאָם אַרויס אַלס פּראָבע, צי עס איז פאַראַהאַן פּלאַץ פאַר אַזאַ אויסגאַבע אין דער יודישער גאַס. אויב וועט זיך אַרויסווייזען, אַז יאָ, דאַן וועלען מיר ממלא־זיין דער אַלבאָם מיט אַ צווייטען און דריטען טייל, וואָס וועלען ענטהאַלטען הונדערטער בילדער, וועלכע וועלען שילדערן דאָס לעבען אין ארץ־ישראל אין אַלע זיינע ווינקעלעך.

מיר גלויבען, אַז די עטליכע צעהנליג בילדער גיבען אַ געוויסען בעגריף פון די פערשידענאַרטיגע לאַנדשאַפטען אין לעבענס־ערשיינונגען פון ארץ־ישראל. די בילדער זענען אויסגעשטעלט מיט אַ סדר. מיר הויבען אָן פונ׳ם אָנקומען אינ׳ם יפו׳ער פּאָרט און געהען איבער ירושלים און דעם ירדן צום גליל, איבער די יודישע קאָלאָניעס א. אַז. וו. און קומען קיין דמשק.

די באָלגענדע עקלערונגען וועלען ממלא־זיין דאָס, וואָס די שטומע בילדער זאָגען נישט.

1. יפו פון פּאָרט.

דאָס בילד ווייזט אונז אַ טייל געביידעס פון דער שטאָדט, אינמיטען דאָס גרויסע ווייסע הויז, דער גומרוק אָדער צאָל־קאַמער, האַרט ביים ים. אויפ׳ן ברעג עטוואָס אינ׳ם וואַסער פונ׳ם ים, געהען קעמלען בעלאָדען מיט דער משא, וואָס די לעצטע שיף האָט געבראַכט—האָלץ אָדער גרויסע שטאַבעס אייזען. קיין שיף זעהען מיר נישט, בלויז אַ גרויסע לאָדקע, וועלכע פיהרט צו די פּאַסאַזשירען צום ברעג. די גרויסע דאַמף- און זעגעל־שיפען שטעלען זיך אָב אויף אַ מרחק פון אַן ערך אַ קילאָמעטער ווייט פונ׳ם פּאָרט, ווייל די ים־פעלזען און דאָס זאַמד ערלויבען נישט די שיפען צו צופאָהרען נעהנטער צום ברעג. דער פּלאַן אויסצובויען אַ גוטען האַפען אין יפו איז שוין לאַנג דערוועקט געוואָרען; געזעלשאַפטען האָבען זיך שוין משתדל־געווען און אויך בעקומען קאָנצעסיעס דערויף. וואַהרשיינליך אָבער וועט דאָס קלענערע היפה פדיהער האָבען אַ גוטען פּאָרט, ווי יפו. ווייל אַ פּאָרט אין יפו איז פערבונדען מיט געוואַלדיגע בוי־קאָסטען; דאַגעגען חיפה האָט די נאַטירליכע אייגענשאַפטען פאַר אַ פּאָרט (זעה ביי חיפה, נומער 20).—דער ים ביי יפו איז כמעט שטענדיג שטורמיש אָדער האַלב־שטורמיש. טיילמאָל אין ווינטער זענען די כוואַליעס אַזוי שטאַרק, אַז די לאָדקע־פיהרער קאָנען בשום־אופן נישט צופאָהרען צו די שיפען און אויך די גרויסע דאַמף־שיפען זענען נישט בכח גוט זיך צו פעראַנקערן, אַזוי אַז זיי מוזען צוריקפאָהרען אָדער ווייטער פאָהרען. דורכדעם קומט אַמאָל פאָר אַן עיכוב אין דער יפו׳ער שיף־קאָמוניקאַציע אויף עטליכע טעג. די פאָלקס־לעגענדע דערצעהלט, אַז דערפאַר איז דאָ דער ים אַזוי שטורמיש, ווייל ווען יונה הנביא איז אַנטלאָפען פון גאָט אויף אַ שיף פון יפו, האָבען איהם דאָ זיינע מיטרייזענדע נישט ווייט פון פּאָרט אַריינגעוואָרפען אין ים אַריין.

2. דער מאַגיסטראַט אין יפו.

דער סעראַי (מאַגיסטראַט) איז דער שענסטער בנין פון דער שטאָדט. נעבען איהם שטעהט דער גרויסער שטאָדט־זייגער,ביידע געביידעס שטאַמען פון יאָהר 1898, ווען דער געוועזענער דייטשער קייזער ווילהעלם II האָט בעזוכט ארץ־ישראל.—הינטער׳ן פאַרקאַן פון מאַגיסטראַט זעהען מיר אַן׳אַראַבישען בית־הקברות. דאָס טרעפט גאַנץ אָפט אין אָריענטאַלישע שטעדט כמעט אין סאַמע מיטען שטאָדט.

3. „החלוץ" אין יפו׳ער פּאָרט.

די ערשטע יודישע זעגעל־שיף, וועלכע איז זומער תרע״ט אַראָבגעלאָזט געוואָרען אין יפו׳ער פּאָרט. זי מאַכט רייסען צווישען די פּאָרטען פון ארץ־ישראל אויפ׳ן

מיטעללענדישען ים. די שיף טראָגט דעם נאָמען „החלוץ“.

4. אַ האַנדעלס-גאַס אין יפו.

דאָס איז איינע פון די גאַסען, וואָס פיהרען פון פּאָרט אין שטאָדט אַריין. דאָ געפינען זיך די גרויסע לאַגער־הייזער פאַר אימפּאָרט און עקספּאָרט. הויפּטזעכליך שפּילט דאָ אַ ראָלע דער עקספּאָרט פון פּאָמעראַנצען און וויין (איניגע אינטערעסאַנטע ציפערן פון יפו׳ס עקספּאָרט און אימפּאָרט געפינט דער לעזער אין „אַלטנײַלאַנד,“ דערהויפּט אין׳ם אַרטיקעל „האַנדעל און אינדוסטריע אין ארץ־ישראל“ אין נומער 3 פון 1920).— אין דער דאָזיגער גאַס איז כמעט שטענדיג איינג און עס איז אַ גרויסער טימעל פון די אַראַבישע טרעגער, וועלכע זענען געוואוינט צו שרייען און ליאַרמען בשעת זייער אַרבייט.

5. גימנאַזיע הרצליה אין תל-אָביב.

תל־אָביב איז דער מאָדערנער יודישער שטאָדט־קוואַרטאַל פון יפו, וואָס האָט הײַנטיגען ווינטער געפייערט זײַן צעהן־יעהריגע עקזיסטענץ. דאָ וואוינט דער הויפּט־טייל פון דער יודישער אינטעליגענץ אין יפו. אונזער בילד שטעלט פאָר די הויפּט־גאַס—רחוב הרצל מיט דער העברעאישער גימנאַזיע אויבען־אָן. דער זעהר שענער בנין איז אויסגעבויט געוואָרען איניגע יאָהר פאַר דער מלחמה דערהויפּט אדאַנק די מיטלען פון יעקב מאָזער, דער בירגער־מייסטער פון בראַדפאָרט אין ענגלאַנד (אַן אַרטיקעל וועגען די שילער פון דער יפו׳ער גימנאַזיע איז געדרוקט אין „אַלטנײַלאַנד“ נומער 4—5 פון 1918).

6. אויפ׳ן וועג פון יפו קיין ירושלים.

דאָס בילד איז פון אינמיטען די הרי־יהודה, נעבען ירושלים. מיר זעהען דאָ דאָפּעלטע שינעס פון דער יפו—ירושלים׳ער באַהן־ליניע. אויף די האַלב־פעלזיגע בערג זענען איינגעאָרדנעט טעראַסען, אויף וועלכע עס וואַקסען אויסגעצייכענט פערשידענע פירות.

7. די פלאַנצונג פון יער-הרצל.

דער הערצל־וואַלד ווערט געפלאַנצט דורכ׳ן נאַציאָנאַל־פאָנד אין בן־שמן און חולדה בײַ לוד, בײַ דער באַהן־ליניע יפו—ירושלים. אונזער בילד שטעלט פאָר הויפּטזעכליך די „אַנלאַגען“, וואו עס ווערען קולטיווירט די בוימלעך, וועלכע ווערען דאַן איבערגעזעצט אויפ׳ן שטח פונ׳ם ווײַטערדיגען וואַלד.

8. ירושלים.

דאָס בילד גיט אַן אַלגעמיינעם בליק אויף אַ טייל פונ׳ם איצטיגען ירושלים. דער באַרג איז דער הר־הזתים, דער בית־הקברות־פּלאַץ פאַר אַלע קהלות אין ירושלים, מיט׳ן „טור־מלכא“ אָן דער שפּיץ. די געביידע מיט׳ן גרויסען קופּאָל איז דער מקום המקדש (זעה ווייטער נומער 14). אין ווײַטען הינטער־גרונד שימערט דער ים־המלח (בילד 18). מיר זעהען דאָ אַ טייל פון ירושלים׳ער אַלט־שטאָדט, וועלכע איז אַרומגערינגעלט מיט אַן אַלטער פעסטונגס־מויער פון פאַר פיער הונדערט יאָהר. די הייזער זענען כמעט אַלע אָהן איראָפּעאישע

זעכער, נאָר מיט צעמענטירטע שטיינערנע פּאָלעפּס. דער גרעסטער טייל הייזער זענען מיט קופּאָלען, אַ קלענערער טייל מיט געפלאַסטערטע פלאַכע דעכער, אויף וועלכע מען שלאָפט אין די הייסע זומער־טעג. די גאַסען זענען איינג און על־פּי רוב בעדעקט מיט אַרקעס (וועלבונגען). די הייזער האָבען נעבען זיך פערפאַרקאַנטע הייף, אָפט מיט וואַסער־באַסיינען אין מיטען הויף. ניישט־קוקענדיג אויף דער איינגשאַפט, שטעקט אַרויס דאָ און דאָרט פון צווישען די הייזער אַ צעדער אָדער אַן איילבירטען־בוים, זעלטענער אויך אַ פּאַלמע.

9. דער הר-ציון.

דער „הר־ציון שמם“ געפינט זיך אין דרום־מערב־זייט פון ירושלים׳ער אַלט־שטאָדט. אויף זײַן שפּיץ געפינען זיך די קברי־מלכי־בית־דוד, איבער וועלכע עס שטעהט איצט אַ מחמד׳אַנישע מאָשעע (זעה די געביידעס אויבען רעכטס). אין דער הייהל אונטער דער מאָשעע געהט קיינער נישט אַרונטער; דער אַרײַנגאַנג איז געשלאָגען מיט אַן אייזערנעם טיהר. יעדען שבועות געהען ירושלים׳ער יודען אויף די קברי־מלכי־בית־דוד און זאָגען קאַפּיטלעך תהלים.

10. דאָס מאָדערנע ירושלים.

אונזער בילד שטעלט־פאָר איינע פון די הויפּט־פערקעהרס־גאַסען פון ירושלים—די דוד־גאַס בײַם יפו׳ער טויער. אויף די שילדען קאָן מען איבערלייענען: „גראַנד־האָטעל“, „דײַטשע פּאַלעסטינאַ־באַנק“, „צענטראַל־האָטעל“ (אַ יודישער) א. אז. וו. דער טונקעלער מויער רעכטס איז אַ וואַנד פון דער אַלטער פעסטונג, איבער וועלכער עס שטעהט אַ טהורעם, וואָס ווערט גערופען „מגדל־דוד“ (דוד׳ס טהורעם).

11. אַ גאַס אין ירושלים׳ער אַלט-שטאָדט.

דאָס איז איינע פון די גאַסען, וואָס פיהרען צום שלמ׳ער טויער פון דער ירושלים׳ער אַלט־שטאָדט. די גאַס איז געוועלבט מיט אַרקען און האָט אַ מין פענסטערליך אין דאַך, דורך וועלכע עס דרינגט אַרײַן די ליכטיגקייט. די גאַס איז אויסגעפלאַסטערט מיט שטיינער אין ווײַל זי קומט־אויס אויף אַ באַרגיגען שפּוע האָט זי טרעפּ.

12. די וואַרשאָווער הייזער אין ירושלים.

די וואַרשאָווער הייזער זענען איינע פון די שכונות (קוואַרטאַלען, אָדער ווי מען רופט זיי אין ירושלים גופא: שטעדטלעך) פון ירושלים׳ער אַלט־שטאָדט. זיי געפינען זיך צווישען די שכונות מאה־שערים און אחוה. די הייזער זענען שטיינערנע מיט הילצערנע קוכען פאַר די הייזער. אויסגעבויט זענען זיי געוואָרען אַן ערך 15 יאָהר פאַר׳ן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה דורכ׳ן וואַרשאָווער כולל בײַ דער אונטערשטיצונג פון פערשידענע מנדבים. יעדער מיטגליעד פון כולל האָט דאָ על־פּי־גורל געוואונען אַן אומזיסטע דירה אויף אַ משך פון 3 יאָהר. כמעט יעדער כולל האָט אין ירושלים אַזאַ ספּעציעלען הײַזער־פאָנד, און זייערע שכונות זענען זעהר עהנליך איינע צו דער אַנדערער. די וואַרשאָווער הייזער אָדער „בתי יעקב“ (אויכ׳ן נאָמען פון ערשטען, וואָס האָט מנדב געווען געלד אויף אַ צעהנדליג הייזער) זענען בײַם מלחמה־אויסברוך שוין בעשטאַנען פון צוויי רייהען

הייזער, איינע געגענאיבער דער אנדערער, אינמיטען מיט צווי בורות (ציסטערנעס אויף רעגען-וואסער), צוויי גאנצנדיגע בנינים פון שוהלען (א חסידישע און א מתנגדישע) און א ביסעל ביימער.

13. דער יד-אבשלום.

דער יד-אבשלום איז איינער פון די אינטערעסאנטסטע דענקמעלער, וואס געפינען זיך ארום ירושלים. ער שטעהט אין עמק-יהושפט, ביים פוס פון הר-הזתים, אין מזרח-זייט פון ירושלים. דער דענקמאל בעשטעהט אין זיין גרעסטער העלפט פון איין שטיק שטיין. ער האלט 24 פוס די הויך און האט 24 פוס אין קוואדראט. די אלגעמיינע טראדיציע איז, אז דאס איז דער יד-אבשלום, וועגען וועלכען עס ווערט דערצעהלט אין מלכים-ב׳ י״ח 18: „און אבשלום האט גענומען און האט זיך געשטעלט פאר זיין לעבען דעם דענקמאל, וואס אינ׳ם קעניג׳ס טהאל, ווייל ער האט געזאגט: איך האב נישט קיין זוהן — וועט דאס דערמאהנען מיין נאמען. און ער האט א נאמען געגעבען דער דענקמאל אויף זיין נאמען, און ער ווערט גערופען יד-אבשלום ביז אויפ׳ן היינטיגען טאג״. דער דענקמאל איז נאך געשטאנען אין די צייטען פון יאזעפוס פלאוויוס (יוסיפון). צוליעב דער אבער, וואס ער האט אויף זיך אלע שפורען פון גריכישער ארכיטעקטור, מיינען מאנכע פארשער, אז דאס איז נישט דער יד-אבשלום, נאר דער קבר פון אלכסנדר ינאי. — אין ירושלים דערצעהלט מען, אז דער יד-אבשלום האט מיט איינגע צעהנדליג יאהר צוריק נאך געהאט אויף זיין שפיץ א שטיין אין דער פארם פון א האנד, וואס אן אייראפעאישער פירשט האט זי אראבגעשאסען.

14. דער מקום-המקדש.

דאס איז דער פלאץ פון הר-הבית, וואו עס איז אמאל געשטאנען דער בית-המקדש. היינט שטעהט דא דער אמאר-מעטשעט, א זעקס-קאנטיגע געביידע מיט א קיפאל, ארומגערינגעלט מיט פערשידענע קליינע בנינים, וואס דינען אלס וואוינונגען פאר די גייסטליכע און דינער. אויף דעמזעלבען פלאץ געפינט זיך נאך א צווייטער מעטשעט. דער אמאר-מעטשעט, איינער פון די היילִיגסטע טעמפלען פאר די מחמד׳אנער פון דער גאנצער וועלט, איז א פרעכטיגער בנין. אינווייניג זענען די ווענד בעדעקט מיט מאזאאיק און גרויסע גאלדענע אויפשריפטען פון פסוקים פונ׳ם קאראן. אינמיטען דער געביידע געפינט זיך דער אבן-שתיה, א גרויסער שווארצער פעלז, ארומגעצוימט מיט אייזערנע שטאכעטען, וואס האלטען זיך ארום די זיילען. פון איין זייט איז דער פעלז אונטערגעהוילט. מען געהט אראב אויף איינינע טרעפ. דא ברענט א נר-תמיד. אין א ווינקעל שטעהט אן אייזערנער פערשלאסענער קאסטען, אין וועלכען עס ליגט לויט דער מהמדאנישער טראדיציע, מחמד׳ס באָרד, וועלכע צום ערשט ווערט געגעבען א הארבע שבועה. געהט ער אראב און ווערט ביי מחמד׳ס באָרד.

15. דער כותל-המערבי מלחמה-צייט.

אונזער בילד ווייזט דעם כותל-מערבי, די גוטבעקאנטע מערב-וואנד פון בית-המקדש-פלאץ, וואו יודען גיסען אויס זייערע ביטערע געוויינט, ווען ער ווערט בעזוכט פון גרופע יודישע לעגיאנערען מיט זייערע וועג-ווייזער אין די הענד.

16. דער ירדן ביי יריחו.

ביי יריהו, ד. ה. אנ׳ערך צוויי שעה פוס-גאנג פון דארט, איז דער ירדן נישט אמברייטסטען און נישט אמטיפסטען, אבער דאס ארט איז דאס פאפולערסטע, ווייל דא האט, לויט׳ן עוואנגעליום, יוחנן המטבל געטובל׳ט יעזוס קריסטוס׳ן, און דא האט ער צום ערשטען מאל בעוויזען זיינע וואונדער. דער ירדן איז דא פון ביידע זייטען בעוואקסען מיט אקאציעס און אנדערע געוויקסען. אן אויספיהרליך ארטיקעל וועגען דעם ירדן און זיין וואסער-קראפט געפינט דער לעזער אין „אלטניילאנד״ העפט 4 - 5 פון 1919.

17. די נייע בריק אויפ׳ן ירדן.

דאס איז די צווייטע בעדייטענדיגע בריק אויפ׳ן ירדן (נאך דעם „דזשיסר-על-מאדזשמיע״, איבער וועלכען עס געהט די באהן חיפה — דמשק נישט ווייט פון ים-כנרת). די בריק, וואס מיר זעהען אויף אונזער בילד, איז אויסגעבויט דורך ענגלישע מיליטערישע אינזשינערען אין 1918. זי געפינט זיך אנ׳ערך צוועלף קילאמעטער צו צפון פון ים-המלח און הייסט „אלענביי-ברידזש״ (אלענביי-בריק, אויפ׳ן נאמען פונ׳ם ענגלישען הויפט-קאמאנדיר אלענביי).

18. דער ים-המלח.

דער „טויטער ים״ מאכט אויף אונז אן איינדרוק דערמיט, וואס ווייט און ברייט ארום איהם זעהט מען נישט קיין סום חי און צומח. ארום איהם און אין זיין וואסער געפינען זיך א סך נאטור-אוצרות. אויספיהרליכער וועגען דער ים-המלח געפינט דער לעזער אינ׳ם ארטיקעל „די מינעראלע אוצרות פון ארץ-ישראל״ אין אלטניילאנד נומער 1-2 (1920).

19. טבריה מיט׳ן ים-כנרת.

אונזער בילד ווייזט אונז טבריה פון דער זייט פון ים-כנרת. דער כנרת איז א מין גרויסע אזערע. פון איין זייט שטראמט אין איהם אריין דער ירדן פון מי-מרום און פון דער אנדערער זייט פליסט ער ארויס צום ים-המלח. דער כנרת האט די פארם פון א פידעל (כנור — כנרת) און איז אפטמאל זעהר שטורמיש. דער כנרת איז רייך אין פיש. — טבריה, וואס ליגט אויפ׳ן כנרת, האט אלע אויסזיכטען פון א צוקונפטס-שטאדט (זעה דעם טייל פון הערמאנ׳ס ארטיקעל. וואו עס רעדט זיך וועגען דער סביבה פון טבריה, און דאס בילד פון די חמי-טבריה, אין „אלטניילאנד״ נומער 3 פון 1920).

20. חיפה פון דער זייט פון כרמל.

הערצל אין „אלטניילאנד״ הויבט ארויס חיפה אלס מוסטער-שטאדט פון הויכער קולטור. באמת האט טאקי חיפה אלע אנלאגען צו ווערען דער גרויסער פארט פון לאנד און צו פערקאנקורירען אפילו יפו. דער פוס פון הר-כרמל, וועלכער געהט-אריין אין ים אריין, שיצט דעם האפען פון שטורעמס, און דעריבער קאנען דא די שיפען לאנדען א קיילעכיג יאהר. דא וועט אויך פיעל לייכטער זיין, ווי אין יפו, אויסצובויען א האפען.

21. דער טעכניקום אין חיפה.

די געביידע פונ׳ם יודישען טעכניקום אין חיפה, וועלכע איז פערטיג געווארען שוין אין דער מלחמה-צייט,

איז איינער פון די שענסטע בנינים אין לאַנד. אַרום דעם טעבניקום האָט זיך קאָנצענטרירט מלחמה-צײַט אַ גרויסער לאַזאַרעט, פריהער פון די טערקען, שפּעטער פון די ענגלענדער. איצט איז ער ווידער אינגאַנצען בעפרײַט און וואַרט אויף דעם נאָרמאַלען לעבען אין לאַנד, ווען עס וועט מעגליך ווערען אָנצוהויבען אין איהם די למודים און אַרבייט.

22. זכרון-יעקב ביי חיפה.

זכרון-יעקב, וועלכע ליגט בײַם דרום-פוס פון כרמל, איז איינע פון די גרעסטע יודישע קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל. זי איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1882, האָט אין 1914 געהאַט אַנ'ערך 1,100 נפשות און אַנ'ערך 45,000 דונאַם ערד. מיט איהרע שענע הײַזער און גערטנער מאַכט זכרון-יעקב אַנ'אימפּאָזאַנטען אײַנדרוק.

23. די ווײַן-קעלטערס פון זכרון-יעקב.

אין זכרון-יעקב איז די הייפּט-פּלאַנצונג, אַזוי ווי אין ראשון-לציון און ראש-פּנה, ווײַנטרויבען. די ווײַן-קעלטערס פון זכרון זענען זעהר גרויס.

24. דער שניט אין מרחביה.

מרחביה איז די ערשטע קאָלאָניע אין עמק-יזרעאל. זי איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1911 דורך דער „פּאַלעסטינאַ-לאַנד-ענטוויקלונגס-געזעלשאַפט". זי געפינט זיך בײַ דער באַהן-סטאַציע אַפולע פון דער חיפה—דמשק'ער באַהן-ליניע. אַ העלפט פון'ם שטח איז פערפּאַכטעט אַנ'אַרבייטער-אַרטעל פון אַנ'ערך 35 מיטגלידער. אונזער בילד שטעלט פאָר די אַרבייטער-פּאַכטער בײַם שניט.

25. אַ בליק אויף ראשון-לציון.

ראשון-לציון, די פּאָפּולערסטע יודישע קאָלאָניע, איז אויך איינע פון די עלטסטע (געגרינדעט 32) און שענסטע. אונזער בילד גיט אונז אַנ'איינבליק אין'ם „אינעווייניג" פון דער קאָלאָניע. אין פאָדער-גרונד זעהען מיר אייקאַליפּטוס-ביימער, ווײַטער גאַנצע רייהען פרוכט-ביימער. אויף אויסגעצויגענע שטריק הענגט דאָס וועש צום טריקענען. אַלץ איז בעגאָסען מיט זון-שטראַהלען.

26. ווײַנטרויבען-שניט אין רחובות.

צווישען אַנדערע קולטורען, איבערהויפּט מאַנדלען, קולטיווירט רחובות אויך ווײַנטרויבען. דער בציר (ווײַנטרויבען-שניט) קומט דאָ פאָר מייסטענטיילס דורך יודען, ווי עס בעווײַזט דאָס בילד.

27. די „אָלימפּישע שפּילען" אין רחובות.

שוין זײַט אַ צעהנדליג יאָהרען האָט זיך אין רחובות אײַנגעבירגערט די טראַדיציע אַלע חול-המועד-פּסח אײַנצוארדנען אַ מין „אָלימפּישע שפּילען", צו וועלכע מען קומט זיך צונויף פון גאַנץ ארץ-ישראל. אויף אַ גרויסען פּלאַץ ווערען אויפגעשטעלט בײַדלעך מיט אויסשטעלונגען פון פערשידענע אַנשטאַלטען, פירמעס א. אַז. וו. אָרקעסטערס שפּילען. די „מכבים" אָרדענען-אײַן וועט-טורנען. איבערהויפּט איז פּאָפּולער דאָס פערד-געיעג, פאַר וועלכען עס ווערען אַרויסגעגעבען פּריזען פאַר די בעסטע גאַלאָפּירער.

28. צווישען די צעדערען פון לבנון.

מיר זעהען דאָ איינע פון די שענסטע לאַנדשאַפטען פון'ם לבנון-געבערג. די באַהן-ליניע איז פון ביירוט קיין דמשק.

29. אַ פאַמיליען-רײַזע אויף אַ קעמעל.

אונזער בילד ווײַזט, ווי אַ רײַכער אַראַבער פון יפו פיהרט אויף אַ קעמעל זײַן גאַנצען „האַרעם" פון צוויי ווייבער מיט קינדער און מיט פערשידענע חפצים; מען פאָהרט אַזוינאָך צו דער יעהרליכער וואָלענלאַנגער פײַערונג, וואָס קומט-פאָר אויפ'ן קבר פון'ם „נעבי רובין" (ראובן „דער נביא") בײַם וועג פון יפו קיין ירושלים.

30. אַראַבישע פרויען בײַם וואַסער-שעפען.

נאָלדעם ווי די שענע פּאַלאַכישע פרויען פון דאָרף ראַמאַללאַה האָבען אָנגעשעפּט זייערע קרוגען מיט וואַסער שמועסען זיי אַ ביסעל צווישען זיך און לאָזען זיך אַהיימגעהן מיט די קרוגען וואַסער אויף די קעפּ.

31. דער מאַרק אין בית-לחם.

די אַראַבער פון בית-לחם-יהודה, צוויי שעה ווײַט פון ירושלים, זענען אַלע קריסטען, גרעסטענטיילס פּראַוואָסלאַווע. אָבער לויט דער הלבשה און לעבענס-בענעהמונג זענען זיי דיזעלבע, ווי אַלע אַנדערע מחמד'אַנישע אַראַבער. דער מאַרק פון רײַכען בית-לחם איז זעהר אַ בעוועגליכער.

32. תימנ'ישע אַרבייטער אין תל-אביב.

תל-אָביב איז אין גרויסען טייל געבויט געוואָרען אויסשליסליך דורך יודישע הענד. אַ גרויסען אָנטייל אין דער אַרבייט האָבען די תימנ'ישע אײַנוואַנדערער. אונזער בילד ווײַזט אַ גרופּע יונגוואַרג פון זיי.

33. ד מ ש ק.

די הויפּט-שטאָדט פון סוריה. זי האָט אַנ'ערך אַ פירטעל מיליאָן אײַנוואוינער. מיר האָבען אַנ'אַלגעמיינעם בליק אויף דער רײַכער אָריענטאַלישער שטאָדט. אינמיטען איז די שטאָדט צוטיילט דורכ'ן טײַך ליטאַניס. יודען זענען פאַרהאַן אין דמשק אַנ'ערך 15 טויזענד.

34. נייער וואָקזאַל אין דמשק.

דאָס איז דער מאָדערנסטער באַהן-הויף אין גאַנצען נאָהנטען מזרח. אין דמשק קומט זיך צונויף די באַהן פון אייראָפּאַ—פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל—מיט דער באַהן פון אזיאַטישען מדבר—פון לעדזשעס. פון מערב-זײַט ווידער קומען צוזאַמען די באַהנען פון ביירוט און חיפה.

„אַלטנײַלאַנד", חודש-זשורנאַל, ביז פסח תר״פ שוין ערשינען 8 נומערן;
ערשטע 5 נומערן צום פרייז פון 6 מאַרק, נומער 6—7 (1—2 פון 1920) 9 מאַרק,
נומער 8 (3) 7 מאַרק.

זעצערײַ ש. רעדליך, ווארשא, נאַוואָליפּיע 69

פרייז 20 מארק.
אין אמעריקא 40 סענט

Wydawnictwo „ALTNAJLAND"
Warszawa, Leszno 6.

CYNKOGRAFJA CH. GOLDBERG
Pawia № 22. — Telefon 286-50.

DRUKARNIA „EXPRESS"
Nowolipki 17.—Tel. 138-64